# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני ראש השנה

## כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו
הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר פארציילט

די ענינים פון: ברכת "לשנה טובה", און די חילוק וואס מ'זאגט פאר א טאטע און פאר א מאמע.

מיר האבן אויך גערעדט פון "תקיעת שופר" וואס דערמאנט אונז אז מ'דארף תשובה טוהן.

אויך האבן ברייט ארום גערעדט פון די "סימני החג" וואס דערמיט בעטן מיר אז דער אייבישטער זאל אונז פארשרייבן א גוט געבענטשט יאר.

**מושגים:** מיר האבן אויך פארציילט די מעשה פון רבי אמנון פן מאגענצע וואס האט מחבר געווען די הייליגע תפילה "ונתנה תוקף".

**שירים:** מיר האבן געזינגען מיט די קינדער: "זכרינו לחיים", און אויך "אבינו מלכינו פתח שערי שמים לתפילתינו", און "ארשת שפתינו".

**סיפורים:** מיר שיקן א מעשה, די קינדער זאלן עס ליינען במשך'ן יו"ט און שבת.

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטאג די "מעשה ביכל".

א גוט יו"ט און א כתיבה וחתימה טובה

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

## יום הדין:

פאר יו"ט שערט מען זיך אפ און מ'פריידט זיך כדי צו ווייזן אז מיר זענען פארזיכערט אז דער אייבישטער וועט אונז פארשרייבן א גוט יאר.

ראש השנה בעטן מיר ביים דאווענען אז דער אייבישטער זאל אונז מוחל זיין אויף די עבירות און ער זאל אונז אנשרייבן א גוט יאר, און אויך בעטן מיר אז די גאנצע וועלט זאל וויסן אז דער באשעפער איז מלך אויף די גאנצע וועלט.

ראש השנה משפט דער אייבישטער אלע מענטשן און יעדער איינער גייט אדורך פאר אים אזוי ווי א פאסטעכער פירט אריבער זיינע שאף איינס איינס.

## לשנה טובה:

ראש השנה ביינאכט וואונטשט מען אן פאר די טאטע און די זיידע: "לשנה טובה <u>תיכתב ותיחתם</u> לאלתר לחיים טובים ולשלום", און פאר די מאמע און די באבע זאגט מען: "לשנה טובה <u>תיכתבי ותיחתמי</u> לאלתר לחיים טובים ולשלום".

## סימנא טבא:

ביי די סעודה פון ראש השנה ביינאכט עסט מען די סימנים כדי ס'זאל זיין א גוטע סימן אויף א גאנץ יאר.

מ'עסט א עפל און האניג און מ'זאגט "יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה". אויך עסט מען א קאפ פון א פיש און מ'זאגט "שנהיה לראש ולא לזנב". אויף טייטלען זאגט מען "שיתמו שונאינו". אויף מייערן זאגט מען "שירבו זכיותינו" און אויף א מילגרוים זאגט מען "שירבו זכיותינו כרימון".

## שלשה ספרים נפתחים:

ראש השנה עפנט דער אייבישטער דריי ספרים, פאר צדיקים, פאר בינונים, און פאר רשעים, פאר צדיקים שרייבט דער אייבישטער גלייך א גוט יאר, פאר די בינונים ווארט דער אייבישטער ביז יום כיפור זיי זאלן תשובה טוהן, און פאר די רשעים שרייבט דער אייבישטער א נישט גוטע יאר.

## תקיעת שופר:

מ'בלאזט ראש השנה 100 תקיעות, און ווען מ'בלאזט דארף מען זיין שטיל און מ'טאר נישט רעדן קיין איין ווארט נאר מ'דארף אויסהערן ווי אזוי מ'בלאזט שופר.

די שופר וואס מ'בלאזט איז כדי צו פארמישן דעם שטן, ווען דער יצר הרע דער שטן הערט ווי אזוי מ'בלאזט שופר ווערט ער דערשראקן און ער קען נישט זאגן קיין שלעכטס אויף די אידן.

ווען דער אייבישטער הערט ווי אזוי די אידן בלאזן שופר ווערט אויפגעוועקט די זכות פון עקידת יצחק וואס אברהם אבינו האט שפעטער מקריב געווען אנשטאט איהם א איל, און וועגן דעם בלאזט מען מיט א שופר פון א איל.

## תשליך

מ'פירט זיך צו גיין צו די וואסער און מ'זאגט תשליך מ'בעט פאר דער אייבישטער אז ער זאל אריינווארפן אלע אונזערע עבירות אין ים.

## די נעמען פונעם יו"ט

ראש השנה ווערט אנגערופן מיט עטליכע נעמען: ראש השנה, יום הדין, יום תרועה, יום הזכרון.

**ראש השנה:** ווייל ס'איז די אנהייב פון די יאר.

**יום הדין:** ווייל דער אייבישטער משפט אלע מענטשן אין דעם טאג.

**יום תרועה:** ווייל אין דעם טאג איז מען מחויב צו בלאזן מיט א שופר.

**יום הזכרון:** ווייל אין דעם טאג געדענקט אונז דער אייבישטער צום גוטן.

די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור ווערן אנגערופן עשרת ימי תשובה.

## תשובה תפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה

**תשובה:** עבירות וואס מ'האט געזינדיגט פאר'ן באשעפער איז דער אייבישטער מוחל ווען מ'טוט תשובה, אבער עבירות וואס איז בין אדם לחבירו איז דער אייבישטער נישט מוחל נאר אויב מ'בעט איבער א חבר, וועגן דעם דארף יעדער איינער איבער בעטן זיין חבר און נאר אזוי וועט דער אייבישטער מוחל זיין די עבירות.

**תפילה:** מ'בעט פאר דער אייבישטער ער אונז מוחל זיין די עבירות.

**צדקה:** מ'געהט צדקה פאר ארימעלייט.

# שאלות מיט תשובות

**א. פארוואס שערט מען זיך אפ פאר ראש השנה?**

כדי צו ווייזן אז מ'פריידט זיך און מ'איז פארזיכערט אז דער אייבישטער וועט אונז פארשרייבן א גוט יאר.

**ב. וואס זענען די חילוקים ביי די ברכה פון לשנה טובה וואס מ'וואונטשט ראש השנה ביינאכט פאר א טאטע און מאמע?**

פאר א טאטע זאגט מען "לשנה טובה **תיכתב ותיחתם** לאלתר לחיים טובים ולשלום", און פאר א מאמע זאגט מען "לשנה טובה **תיכתבי ותיחתמי** לאלתר לחיים טובים ולשלום".

**ג. פארוואס עסט מען סימנים ראש השנה ביינאכט?**

מ'בעט פאר דער אייבישטער אז ער זאל אונז שרייבן א שנה טובה ומתוקה.

**ד. וואס בעט מען ביים דאווענען פאר דער אייבישטער?**

אז ער זאל אונז מוחל זיין אויף אלע עבירות, און אז אלע מענטשן פון די וועלט זאלן וויסן אז דער אייבישטער איז מלך אויף די גאנצע וועלט.

**ה. וויפיל ספרים עפנט דער אייבישטער ראש השנה?**

דריי ספרים, פאר צדיקים, בינונים, און רשעים, פאר צדיקים שרייבט דער אייבישטער גלייך א גוט יאר, פאר די בינוניםווארט דער אייבישטער ביז יום כיפור זיי זאלן תשובה טוהן, און פאר די רשעים שרייבט דער אייבישטער א נישט גוטע יאר.

**ו. וויפיל תקיעות בלאזט מען ראש השנה?**

הונדערט תקיעות.

**ז. פארוואס בלאזט מען מיט א שופר?**

צו געדענקען די עקידת יצחק.

**ח. וואס זענען די נעמען פון יו"ט ראש השנה?**

**ראש השנה:** ווייל ס'איז די אנהייב פון די יאר. **יום הדין:** ווייל דער אייבישטער משפט אלע מענטשן אין דעם טאג. **יום תרועה:** ווייל אין דעם טאג איז מען מחויב צו בלאזן מיט א שופר. **יום הזכרון:** ווייל אין דעם טאג געדענקט אונז דער אייבישטער צום גוטן.

**ט. וואס זענען די דריי זאכן וואס זענען מבטל די שלעכטע גזירות?**

**תשובה:** מ'טוט תשובה אויף די עבירות. **תפילה:** מ'דאווענט פאר דער אייבישטער. **צדקה:** מ'געבט צדקה פאר די ארימעלייט.

**י. פארוואס זאגט מען תשליך?**

מ'בעט פאר דער אייבישטער זאל ארייןווארפן אלע אונזערע עבירות אין ים.

זָכְרֵנוּ לְחַיִּים. מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים. וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים. לְמַעַנְךָ אֱלֹהִים חַיִּים: מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמָן זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים: וּכְתֹב לְחַיִּים טוֹבִים כָּל בְּנֵי בְרִיתֶךָ: בְּסֵפֶר חַיִּים. בְּרָכָה וְשָׁלוֹם. וּפַרְנָסָה טוֹבָה. וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת. יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת. נִזָּכֵר וְנִכָּתֵב לְפָנֶיךָ. אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם:

# אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ. פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלָּתֵנוּ:

אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ יֶעֱרַב לְפָנֶיךָ אֵל רָם וְנִשָּׂא. מֵבִין וּמַאֲזִין מַבִּיט וּמַקְשִׁיב לְקוֹל תְּקִיעָתֵנוּ, וּתְקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן סֵדֶר מַלְכֻיּוֹתֵינוּ:

אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ יֶעֱרַב לְפָנֶיךָ אֵל רָם וְנִשָּׂא. מֵבִין וּמַאֲזִין מַבִּיט וּמַקְשִׁיב לְקוֹל תְּקִיעָתֵנוּ, וּתְקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן סֵדֶר זִכְרוֹנוֹתֵינוּ:

אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ יֶעֱרַב לְפָנֶיךָ אֵל רָם וְנִשָּׂא. מֵבִין וּמַאֲזִין מַבִּיט וּמַקְשִׁיב לְקוֹל תְּקִיעָתֵנוּ, וּתְקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן סֵדֶר שׁוֹפְרוֹתֵינוּ:

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

## למדתי עם בני ____________________ ני"ו

**חומש:** ____________________________________________

**סיפורי פרשת השבוע:** ________________________________

**שירים:** ____________________________________________

**נושא השבוע:** _______________________________________

**ברכת המזון:** _______________________________________

**התנהגות כללית:** ____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ___________________________________

**התפלל:** ____________________________________________

**הערות:** ____________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________

# בפרוס השנה החדשה הבעל"ט
# שלוחה בזה ברכותינו
# לכל הורי התלמידים שיחיו

ברכת שנה טובה, שנת שפע ברכה והצלחה, פרנסה בריוח,
נחת דקדושה מכל צאצאיכם, בבריאות השלימות,
שנת גאולה וישועה לכל בית ישראל
ושיתקבלו תפילותינו לרחמים ולרצון אכי"ר.

מיר וואונטשן אייך אַ גוט יום טוב
און אַ כתיבה וחתימה טובה
און פיל נחת פון די קינדער שיחיו

וואונטשן:

**הנהלת הת"ת**